דאָרטן ליגן זייערע אבות־אבותיהם, רבנים, צדיקים, לומדים, מפורסמים, גרויסע לײַט. — איז אַ סברה, אַז דאָרט געפינען זיך אַ היפּש ביסל קדושים נאָך פון דער הײַדאַמאַטשינע, פון כמעלניצקים צײַטן... אַט דאָס „הייליקע אָרט" — דאָס איז זייער איינציק שטיקל אייגנס אַף דער וועלט, ווו זיי זײַנען די איינציקע בעלי־בתים, זייער איינציק שטיקל ערד, זייער איינציק שטיקל פעלד, ווו עס שפּראָצט אַ גרעזל און עס וואַקסט אַ ביימל און די לופט איז פריש און עס אָטעמט זיך פרײַ...

איר זאָלט זען, וואָס דאָרטן טוט זיך אָפּ, אַז עס קומט סוף זומער, אַרום ראש־חודש אלול, די „וויינענדיקע טעג" — אײ־אײ־אײ! ייִדן און ווײַבער — דערהויפּט, ווײַבער — אויף און אָפּ, סע ווימלט און סע קוימלט — אַ ווערטעלע „קבר־אָבות"! פון דער גאָרער וועלט קומט מען אַהער אַביסל זיך אויסוויינען און אויסגיסן דאָס ביטערע האַרץ אַף די הייליקע קברים. הערט איר, וואָס איך וועל אײַך זאָגן? אין ערגעץ וויינט זיך נישט אַזוי גוט און אַזוי געשמאַק, ווי אין כתרילעווקע „אַפן פעלד". דאָס הייסט, אין די שולן דאָרטן וויינט זיך אַפילו אויך גאַנץ נישקשהדיק. נאָר ווי קומט דאָס צו קבר־אָבות? דאָס „קבר־אָבות" איז אַ שטיק פּרנסה פאַר די כתרילעווקער שטיינשנײַדערס, בעלי־אַכסניות, חזנים און שמשים, און דער ראש־חודש־אלול איז פאַר די דאָרטיקע אָרעמע לײַט, ווײַבער און קאַליקעס די אמתע „שניטצײַט".

„זײַט איר שוין געווען בײַ אונדז אַפן פעלד?" — וועט אײַך פרעגן אַ כתרילעווקער מיט גדלות, גלײַך ווי ער וואָלט אײַך, אַשטייגער, פרעגן, צי זײַט איר געווען בײַ זײַן טאַטן אין ווײַנגאָרטן? אויב איר זײַט נאָך נישט געווען, טוט אים צוליב און גייט זיך דורך צו זיי „אַפן פעלד", לייענט איבער די אַלטע שטאַרק־אָפּגעריבענע אויפשריפטן אַף די האַלב־אײַנגעפאַלענע מצבות, וועט איר געפינען אין זיי אַ שטיק געשיכטע פון אַ גאַנץ פאָלק... און אויב איר זײַט אַ מענטש פון התפעלות און באַגײַסטערונג, וועט איר, באַטראַכטנדיק די דאָזיקע אָרעמע שטאָט מיט איר רײַכע בית־עולמס, זיך נישט קאָנען אײַנהאַלטן און איבערחזרן דעם אַלטן פסוק: מ ה ־ ט ו ב ו — ווי גוט זײַנען דײַנע געצעלטן, יעקב! דײַנע רו־ערטער, ישראל!...

געשריבן אין יאָר 1901

You should see what goes on in this old cemetery a month before the New Year, during the "days of weeping." Men and women—mainly women—swarm up and down the paths to their ancestors' graves. From all the surrounding country they come to weep and to pour their hearts out at the holy graves. Believe me, there is no place where one can weep so freely and with such abandon as in "the field" of Kasrilevka. In the synagogue a person can weep pretty freely too, but the synagogue doesn't come up to the cemetery. The cemetery is a source of income for the Kasrilevkite stonecutters, innkeepers, cantors and sextons, and the month before the New Year is, for the paupers thereabouts and the old women and the cripples, the real harvest time.

"Have you been in 'our field' yet?" a Kasrilevkite will ask you cheerfully, as though he were asking if you had been in his father's vineyard. If you haven't been there, do him a kindness, and go down into "the field," read the old, half-obliterated inscriptions on the leaning tombstones and you will find in them the story of a whole people. And if you happen to be a man of feeling and imagination then you will look upon this poor little town with its rich cemeteries and repeat the old verses:

"How beautiful are your tents, O Jacob; how good are your resting places, O Israel."

From Sholem Aleichem, The Old Country trans. Julius & Francis Butwin (N.Y., 1